אַנדערן, וועלכער זיצט (דאָרטן), זאָל דער ערשטער
31 שווייגן. ווארום איר קענט אַלע נבֿואות־זאָגן,
איינער נאָכן אַנדערן, כּדי אַלע זאָלן לערנען און
32 אַלע געטרייסט ווערן; און די גייסטער פֿון די נבֿיאים
33 זענען אונטערטעניק צו די נבֿיאים; ווארום ג־ט איז
נישט קיין ג־ט פֿון אומאָרדנונג, נאָר פֿון שלום.
34 ווי אין אַלע קהלות פֿון די קדושים, אַזוי זאָלן
די פֿרויען שווייגן אין די קהלות; ווארום זיי
האָבן נישט קיין רשות צו רעדן, נאָר זאָלן זיין
אונטערטעניק, פּונקט ווי אויך די תּורה זאָגט.
35 און אויב זיי ווילן עפּעס לערנען, זאָלן זיי פֿרעגן
זייערע אייגענע מענער אינדערהיים; ווארום עס
איז אַ חרפּה פֿאַר אַ פֿרוי צו רעדן אין דער קהלה.
36 וואָס? איז ג־טס וואָרט פֿון אייך אַרויסגעגאַנגען?
אָדער איז עס נאָר צו אייך אַליין אָנגעקומען?
37 אויב עמיצער מיינט, אַז ער איז אַ נבֿיא אָדער
באַשענקט מיט גייסט, זאָל ער דערקענען (אין דעם),
וואָס איך שרייב צו אייך, אַז עס איז דעם האַרס
38 געבאָט. אויב אָבער עמיצער ווייסט עס נישט, זאָל
ער נישט וויסן.
39 דעריבער, ברידער מיינע, אייפֿערט צו זאָגן
נבֿואות, און שטערט נישט צו רעדן מיט לשונות.
40 אַלץ אָבער זאָל געטון ווערן בכּבֿודיק און אין
אָרדנונג.

## קאַפּיטל פֿיפֿצן

1 און איך לאָז אייך וויסן, ברידער, (נאָכאַמאָל) די
גוטע בשורה, וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט,
וועלכע איר האָט אויך אָנגענומען, און אין וועלכער
2 איר שטייט פֿעסט, דורך וועלכער איר ווערט אויך
געראַטעוועט; אויב איר האַלט דאָס וואָרט, וואָס